געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

חג השבועות
תשפ"ו
גליון קצ"ד
שנה ה'

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

### די אלע פרטים פון 'דריי' צייגן אויף די מעלה פון כלל ישראל צו באקומען די תורה

די גמרא זאגט (שבת פח.): "דרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא, בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי לעם תליתאי על ידי תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי". געלויבט איז דער אויבערשטער וואס האט געגעבן א **געדריטלטע** תורה, פאר א **געדריטלטע** פאלק, דורך דעם **דריטן** קינד, אין דעם **דריטן** טאג, אינעם **דריטן** חודש.

דארף מען פארשטיין, וואס איז די גרויסע שבח אז אלעס האט מיט דריי?

קען מען זאגן, אז ההוא גלילאה האט דא מיט גרויס חכמה אין יעדע זאך מרמז געווען אן אנדערע שבח ווי פאלגענד:

**"אוריאן תליתאי"** איז א שבח פאר'ן אויבערשטן אז די תורה איז איינגעטיילט אין דריי, **מחשבה דיבור** און **מעשה**, ווייל נאר אזוי האבן די אידן געקענט באקומען די תורה.

ווייל די גמרא זאגט (שבת פט.), אז בשעת ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל מקבל צו זיין די תורה, האבן די מלאכים גע'טענה'ט "תנה הודך על השמים", אז דער באשעפער זאל געבן די תורה פאר זיי, האט דער אויבערשטער געהייסן פאר משה רבינו אז ער זאל זיי ענטפערן א תשובה, האט זיי משה רבינו געפרעגט, אז אין די תורה שטייט אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים, זענטס עטץ דען געווען אין מצרים? האטס עטץ דען געארבעט פאר פרעה? און אזוי ווייטער אלע עשרת הדברות איז בכלל נישט שייך פאר זיי מקיים צו זיין.

און דער אמת איז אז די מלאכים האבן אויך געוואוסט אז זיי האבן נישט די מעגליכקייט צו מקיים זיין די תורה ומצוות דורך די חלק המעשה, נאר וויבאלד אז די תורה הקדושה איז דאך צוטיילט אין דריי חלקים, עס איז דא **מחשבה**, **דיבור**, און **מעשה**, און אין די חלקים פון **מחשבה ודיבור** וואס דעס איז די **פנימיות התורה** און האט א גרעסערע חשיבות פון די חלק המעשה, קענען דאך די מלאכים יא האבן א שייכות, האבן די מלאכים געוואלט באקומען די תורה און מקיים זיין די תורה נאר מיט איר חלק הפנימיות, אבער וויבאלד אז דער באשעפער האט דווקא געוואלט געבן די תורה פאר די אידן און נישט פאר די מלאכים, האט ער מתחלה צוגעלייגט צו דעם אויך די חלק המעשה וואס אין דעם קענען דאך די מלאכים נישט האבן קיין שייכות, און אזוי האט מען געמוזט געבן די תורה פאר די אידן און נישט פאר די מלאכים.

האט געזאגט ההוא גלילאה מיט א גרויס שמחה: געלויבט איז השי"ת וואס ער האט אונז געגעבן **"אוריאן תליתאי"** א געדריטלטע תורה - וואס מען איז מקיים אויף דריי אופנים, **מחשבה** דיבור און **מעשה**, וואס נאר צוליב דעם האבן מיר באקומען די תורה, ווייל וויבאלד די מלאכים קענען נישט מקיים זיין די תורה במעשה, האבן נאר אונז זוכה געווען צום **חלק המעשה** און אזוי האבן מיר אין איינוועגס שוין אויך זוכה געווען צו די חלק פון די **פנימיות התורה!**

*

**"לעם תליתאי"** געבט ער א שבח אויף דעם אז כלל ישראל איז געדריטלט; כהנים לויים און ישראלים, דאס מיינט אז יעדער איינער האט אין זיך אביסל פון אלע דריי חלקים, ווייל נאר אזוי קען יעדער איד האבן א שייכות מיט די גאנצע תורה.

ווייל ווי באוואוסט זענען דא געוויסע מצוות וואס זענען געאייגענט נאר פאר כהנים, אזוי אויך נאר פאר לויים און נאר פאר ישראלים, דאן וויאזוי קען א איד מקיים זיין די גאנצע תורה? נאר היות אז אלע נשמות פון כלל ישראל קומען פון איין שורש, קומט אויס אז יעדע איינציגע נשמה האט אין זיך א חלק פון די אלע דריי בחינות, און אז עס איז שורה אן אחדות ביי כלל ישראל, רעכנט זיך גאנץ כלל ישראל ווי איינס, און דאן באקומט יעדער א זכות אויך אינעם צווייטנס מצוות און עס ווערט פארערכנט ווי יעדער איינער האט מקיים געווען די מצוות הכהונה, ווייל אלע נשמות האבן אין זיך א ניצוץ פון די נשמות הכהונה והלויה.

האט געזאגט ההוא גלילאה מיט גרויס התרגשות: געלויבט איז דער אויבערשטער וואס האט געגעבן די תורה פאר **כלל ישראל, וואס זייערע נשמות האבן אין זיך פון אלע דריי חלקים**, ווייל נאר אזוי קען יעדער איד זוכה זיין מקיים צו זיין **די גאנצע תורה!**

*

**"על ידי תליתאי"** איז א שבח אויף דעם אז מיר האבן באקומען די תורה דורך משה רבינו וואס איז געווען דער דריטער אין משפחה.

ווייל ווי באוואוסט האבן די אידן אין מדבר געהאט דעם באר בזכות מרים, די ענני הכבוד בזכות אהרן, און די מן בזכות משה. און אין מדרש שטייט, אז כלל ישראל האט באקומען די דריי מתנות, ווייל נאכן ארויסגיין פון מצרים האט דער אויבערשטער זיי געוואלט אויסלייטערן כדי אז זיי זאלן זיין ראוי צו באקומען די תורה, און דערפאר האט ער זיי קודם געגעבן צו עסן א רוחניות'דיגע מאכל און צו טרונקען רוחניות'דיגע וואסער און זיי ארומגענומען מיט רוחניות'דיגע ענני הכבוד, כדי זיי זאלן זיך דורכדעם אויסאיידלען מיט תענוגים פון די עולמות עליונים, און אזוי וועלן זיי קענען משיג זיין די תורה הקדושה.

און נאך דעם וואס מרים און אהרן זענען נפטר געווארן, זענען די דריי מתנות געבליבן בזכות משה, ווייל ער האט פארמאגט אין זיך אויך פון די בחינה פון אהרן און מרים, און דערפאר האט ער געקענט צוריק צו ברענגען זייער השפעה נאך וואס עס האט זיך געענדיגט, אבער נאך וואס משה רבינו איז נפטר געווארן איז שוין נישט געווען קיינער וואס זאל קענען צוריק ברענגען זייערע כוחות, זענען דאן אוועק געגאנגען די אלע דריי מתנות.

זאגט ההוא גלילאה א געוואלדיגע שבח

זכות פרנס החודש נתנדב ע"י הרבני הנכבד
הר"ר אברהם דוב יודא הלוי מאנדעל הי"ו

צום אויבערשטן, אז ער האט געגעבן די תורה דורך משה רבינו וואס איז געבוירן געווארן דער דריטער, און דערפאר האט ער גענומען אין זיך חלקים פון זייער כח און ער האט געקענט משפיע זיין אין זיין זכות די אלע דריי מתנות, די מן די באר און די ענני הכבוד, וואס אין זייער זכות איז כלל ישראל געווארן אויסגעלייטערט **צו קענען באקומען די תורה!**

*

"**ביום תליתאי**" איז א שבח אז דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה אויפן דריטן טאג. ווייל אין די גמרא (שבת פז.) איז דא א מחלוקת ווען האט מען באקומען די תורה, לויט די רבנן האט מען עס באקומען אין די דריטע טאג אזויווי עס איז געווען די ציווי ה', און לויט רבי יוסי האט משה רבינו צוגעלייגט נאך איין טאג און געהייסן די אידן זיך צוגרייטן דריי טעג צו קבלת התורה.

דארף מען לכאורה פארשטיין, ממה נפשך, אויב האט באמת אויסגעפעלט דריי טעג הכנה, איז פארוואס האט דאס דער אויבערשטער לכתחילה נישט געהייסן, און אויב איז געווען גענוג צוויי טעג, פארוואס האט משה רבינו צוגעלייגט נאך איין טאג?

נאר ווי באוואוסט כדי צו קענען משיג זיין השגות אין די תורה מוז מען זיך פריער צוגרייטן און אויסלייטערן די נפש, און ווי מער מען רייניגט זיך און מען לייטערט זיך אויס, אלס מער קען מען זוכה זיין צו משיג זיין השגות אין די תורה. און ווי אויך איז באקאנט אז עס זענען דא דריי מדריגות און די השגות התורה, חכמה בינה און דעת, און די חלק פון דעת דאס איז די כח הפלפול וואס איז א פועל יוצא פון די חכמה ותבונה.

און די גמרא זאגט (נדרים לח.) אז רבי יוסי בר חנינא האט געזאגט אז די תורה איז נאר געגעבן געווארן פאר משה רבינו און זיינע קינדער, און משה רבינו האט געהאט א טובת עין און איבערגעגעבן די תורה פאר די אידן, בלייבט אבער די גמרא, אז דאס מיינט נאר די כח הפלפול צו פארשטיין א דבר מתוך דבר, און דאס איז וואס משה רבינו האט מיט זיין טובת עין איבערגעגעבן פאר די אידן, אבער די עיקר התורה האט דער רבש"ע יא געגעבן פאר גאנץ כלל ישראל.

לפי"ז שטימט הפלא ופלא די שיטה פון רבי יוסי, ווייל לכתחילה האט דאך דער אויבערשטער געגעבן דעם כח הפלפול נאר פאר משה רבינו, און ממילא איז פאר די אידן טאקע גענוג געווען נאר צוויי טעג הכנה, אבער נאך וואס משה רבינו האט זיי איבערגעגעבן אויך די השגה פון דעת, האט ער געמוזט צולייגן נאך איין טאג פון הכנה פאר די דריטע דרגה אין השגת התורה. און דאס איז הערליך מדוייק אינעם לשון חז"ל **הוסיף משה יום אחד** "**מדעתו**", אז וועגן זיין השגה פון "**דעת**" וואס ער האט זיי געגעבן האט ער געמוזט צולייגן נאך איין טאג הכנה.

אבער דער ההוא גלילאה האט געהאלטן ווי די רבנן, אז די תורה איז יא געגעבן געווארן אויפן **דריטן** טאג ו' סיון - און משה רבינו האט נישט מוסיף געווען מדעתו נאך א טאג, קומט דאך על כרחך אויס אז די השגה פון דעת האט נישט נאר משה רבינו אליין באקומען - נאר גאנץ כלל ישראל האט דאס לכתחילה באקומען צוזאמען מיט די גאנצע תורה, און די ערשטע צוויי טעג איז געווען גענוג א הכנה אויך פאר די חלק הפלפול, ווייל די חלק הפלפול איז א פועל יוצא פון די חכמה ותבונה.

אויף דעם געבט ער א באזונדערע לויב פאר'ן אויבערשטן, אז ער האט אונז פארגינט אויך די 'תכשיטי כלה' - די פלפול און קשיות וועלכע מאכן אונז **זיס און געשמאק די תורה!** און נישט ווי ר' יוסי אז לכתחלה האט דאס דער אייבערשטער געגעבן נאר פאר משה רבינו.

*

"**בירחא תליתאי**" איז א לויב פאר'ן אויבערשטן אז ער האט געגעבן די תורה דוקא אינעם דריטן חודש. ווייל אין חודש ניסן איז נישט געווען פאסיג, ווייל דער מזל פון ניסן איז **טלה** - וואס דערמאנט די ע"ז פון מצרים אין וואס די אידן זענען ליידער נכשל געווארן. און אזוי אויך דער מזל פון אייר - **שור** - דערמאנט די חטא העגל וואס איז געווען בתבנית שור, וואס דער אייבערשטער האט שוין לכתחלה געוואוסט אז די אידן גייען מאכן. און ווייל דאס האט געמאכט א פירוד צווישן כלל ישראל מיט'ן אויבערשטן - האט דאס אויך גורם געווען א פירוד אין כלל ישראל אליין (רש"י שמות יט, ב), און עס האט זיי דעמאלטס געפעלט די אחדות וואס פאדערט זיך צו קענען באקומען די תורה.

אבער דער מזל פון חודש סיון איז **תאומים**, און דאס האט משפיע געווען אז כלל ישראל איז געווען דעמאלטס ווי איינס, אזויווי דער פסוק זאגט (שם) "ויחן שם ישראל נגד ההר" - כאיש אחד בלב אחד, און אזוי אויך איז חודש **השלישי** אויך א סימבאל פון אחדות, ווייל ביי א דרייעקיגער זאך כאפט זיך יעדער זייט אן מיט די אנדערע צוויי זייטן, און דערפאר האט מען דעמאלטס געקענט זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה.

דרוקט ההוא גלילאה אויס א לויב צום אויבערשטן, אז ער האט געגעבן די תורה דייקא אינעם **דריטן** חודש וואס זיין סימבאל איז אחדות און זיין מזל תאומים ווייזט אויך אויף אחדות, ווייל דורך די אחדות האט כלל ישראל געקענט **זוכה זיין צו די תורה!**

**'קומץ המנחה' - דרוש ד' לשבועות**

# די הייליגע צוואה

## ומי שישתדל בהדפסתן יהי' לו המחבר למליץ אם יהי' לו זכות




## איר קענט שיקן קוויטלעך צום ציון הק' להפקד בדבר ישועה ורחמים

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

**הגליון נתנדב ע"י**

הרבני הנכבד
הר"ר **יואל פריינד** הי"ו
לרגל נישואי בנו החתן **יושע** נ"י למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע יגן בעדו
שהזיווג יעלה יפה ויזכה לבנות בית נאמן בישראל

**מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.**
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868